NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06114

KINDER

H. Barkan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קינדער

מעשיות

פון ה. בארקאן

אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „אַרבעטער־רינג"
ביים בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג
ניו־יאָרק, נ. י.

KINDER

Stories

By H. BARKAN

Copyright 1951, by
THE EDUCATIONAL DEPARTMENT
OF THE WORKMEN'S CIRCLE

175 East Broadway
New York 2, N. Y.

Manufactured in U. S. A.

Designed by J. Kaminsky Art Printing
New York, N. Y.

166

די קליינע מאַמע

פֿייגעלע איז אַ קליין מיידעלע, אַ מיידעלע פֿון זיבן יאָר. פֿייגעלע גייט אין שול, זי לערנט ייִדיש. זי איז אַ גוט ייִדיש מיידעלע.

פֿייגעלע האָט אַ קליין ברודערל, אַ ברודערל פֿון איין יאָר. אַז פֿייגעלע קומט פֿון שול — זעט זי: די מאַמע לערנט איר ברודערל. זי לערנט אים שטיין, זי לערנט אים גיין. זי זאָגט:

— „אַליין, אַליין, וועט בערעלע שטיין.

אַליין, אַליין, וועט בערעלע גיין."

פֿייגעלע זאָגט:

— „מאַמע, איך וויל זײַן אַ מאַמע. איך וויל לערנען בערעלען גיין.

זאָגט די מאַמע:

— „גוט, מײַן קינד, זײַ אַ מאַמע, זײַ אַ ייִדישע מאַמע."

זאָגט פֿייגעלע צו איר ברודערל:

— „אַליין, אַליין, וועט בערעלע שטיין.

אַליין, אַליין, וועט בערעלע גיין.

איינס, צוויי, בערעלע, שטיי!

איינס, צוויי, בערעלע גיי!

איינס, צוויי, דרײַ, פֿיר.

אַ לעבן אויף דיר."

אַזוי איז פֿייגעלע אַ קליינע מאַמע. זי איז אַ קליינע ייִדישע מאַמע. און בערעלע שטייט, און בערעלע גייט.

אַ ייִדיש מיידעלע

אַמאָל איז געווען אַ קליין מיידעלע, אַ קליין ייִדיש מיידעלע. זי איז אַלט געוואָרן זיבן יאָר. האָט איר מאַמע געזאָגט:

— „הער, מײַן מיידעלע, הער. אַז אַ ייִדיש מיידעלע איז זיבן יאָר אַלט, דאַרף זי גיין אין שול. זי דאַרף גיין אין דער ייִדישער שול. זי דאַרף קענען ייִדיש.״

האָט דאָס מיידעלע געזאָגט:

— „ניין, מאַמע, איך וויל ניט, איך וויל ניט גיין אין שול. איך האָב דיך ליב, איך וויל זײַן מיט דיר. איך האָב ליב דעם פּאַפּאַ, איך וויל זײַן מיט דעם פּאַפּאַ. איך האָב ליב דעם זיידן און די באָבע, איך וויל זײַן מיטן זיידן און מיט דער באָבע.״

האָט די מאַמע געלאַכט און געזאָגט:

— „מײַן גוט מיידעלע, מײַן ליב מיידעלע. דו האָסט ליב דײַן מאַמע? דײַן מאַמע איז אַ ייִד און זי

קען ייִדיש. דו האָסט ליב דײַן טאַטן? — דײַן טאַטע איז אַ ייִד און ער קען ייִדיש. און דײַן זיידע קען ייִדיש, און דיין באָבע קען ייִדיש. און דו, מײַן קינד, ביסט אַ ייִדיש מיידעלע, דאַרפסטו אויך קענען ייִדיש."

האָט דאָס מיידעלע געזאָגט:

— „יאָ, מאַמע, גוט, ביסט גערעכט, ביסט גערעכט. איך בין אַ ייִדיש מיידעלע, איך דאַרף קענען ייִדיש אַזוי ווי מײַן טאַטע און מײַן מאַמע, אַזוי ווי מײַן זיידע און באָבע."

און דאָס ייִדישע מיידעלע איז אַוועק אין דער ייִדישער שול.

אַ מיליאָן

פייגעלע איז פיר יאָר אַלט. זי האָט זייער ליב פענים. ווען זי שטייט אויף אין דער פרי זאָגט זי צו דער מאַמען:

— „מאַמע, גיב מיר אַ פעני."

בײַ טאָג זאָגט זי ווידער:

— „מאַמע, גיב מיר אַ פעני."

און אין אָוונט זאָגט זי ווידער:

— „מאַמע, גיב מיר אַ פעני."

איז אַ מאָל גיט איר די מאַמע אַ פעני און אַ מאָל גיט זי איר ניט. אַז די מאַמע זאָגט איר:

— „אַ קליין מיידעלע דאַרף ניט קיין סך פענים."

ענטפערט פייגעלע:

— „איך נעם ניט די פענים פאַר מיר, מאַמע, די פענים קלייב איך. די פענים באַהאַלט איך."

און דאָס מיידעלע טוט טאַקע אַזוי. אַז דער טאַ־

טע אָדער די מאַמע גיבן איר אַ פּעני, באַהאַלט זי דאָס.

פּייגעלע האָט ליב אַלע מאָל צו ציילן איר געלט, אָבער זי קען עס ניט איבערציילן.

די מאַמע לערנט זי און לערנט זי, אָבער זי איז בלויז פיר יאָר אַלט, געדענקט זי ניט גוט. די מאַמע ציילט איבער פּייגעלעס פּענים:

— „איינס, צוויי, דריַי, פיר, פינף, זעקס, זיבן, אַכט, נײַן, צען, עלף, צוועלף." און די מאַמע ציילט וויַי־טער.

אָבער פּייגעלע ציילט אַזוי:

— „איינס, צוויי, דריַי, פיר, פינף, זעקס, זיבן, אַכט, נײַן, צען, עלף... הונדערט... טויזנט... אַ מיליאָן!..

לאַכט די מאַמע און לאַכט:

— „אָ, מײַן מיידעלע, מײַן טײַערע מיידעלע, ביסט אַזוי רײַך, ביסט אַזוי רײַך, דו האָסט אַ מיליאָן — ביסט רײַכער פון דײַן טאַטע־מאַמע.

אַ זיסע זאַך

בערעלע איז אַ קלוג יינגעלע. ער איז אויך אַ גוט יינגעלע.

בערעלע איז קלוג און גוט און ער האָט זייער ליב זיין מאַמען.

איין מאָל וויל בערעלע גיין אין שול. ער נעמט זיין בוך, ער נעמט זיין העפט, ער נעמט זיין בלייפעדער און ער זאָגט:

— „מאַמע, גיב מיר אַ זיסע זאַך."

גיט אים די מאַמע אַ זיס קיכעלע. קוקט בערעלע אויפן זיסן קיכעלע און ער זאָגט:

— „ניין, מאַמע, איך וויל ניט קיין קיכעלע. דאָס קיכעלע איז זיס, אָבער איך וויל אַ זיסערע זאַך."

גיט אים די מאַמע אַ צוקערל. קוקט בערעלע אויפֿן צוקערל און זאָגט:

— „ניין, מאַמע, איך וויל ניט קיין צוקערל. דאָס צוקערל איז זיס, אָבער איך וויל אַ זיסערע זאַך."

גיט אים די מאַמע האָניק. קוקט בערעלע אויפֿן האָניק און ער זאָגט:

— „ניין, מאַמע, איך וויל ניט קיין האָניק. האָניק איז זיס, אָבער איך וויל אַ זיסערע זאַך."

וואונדערט זיך די מאַמע. זי וואונדערט זיך און זאָגט:

— „וואָס רעדסטו, בערעלע, וואָס איז זיסער פֿון האָניק?"

לאַכט בערעלע:

— „כאַ־כאַ־כאַ, מאַמע. אַ מאַמעס קוש איז זי־סער פֿון האָניק."

אַ בריוועלע

הערשעלע איז אַכט יאָר אַלט. ער האָט ליב זײַן טאַטן, ער האָט ליב זײַן מאַמען.

הערשעלע לערנט ייִדיש. ער גייט אין דער ייִדי־שער שול. ער קען שוין רעדן ייִדיש. ער רעדט ייִדיש מיט זײַן לערער, ער רעדט ייִדיש מיט זײַן טאַטן, ער רעדט ייִדיש מיט זײַן מאַמען, ער רעדט ייִדיש מיט זײַן זיידן, ער רעדט ייִדיש מיט זײַן באָבען און ער לייענט און שרײַבט ייִדיש.

איין מאָל איז הערשעלעס טאַטע אַוועקגעפֿאָרן. ער איז געפֿאָרן קיין באָסטאָן. ער איז געווען אין באָס־טאָן פֿינף טעג. הערשעלע האָט געוואָלט זען זײַן

טאַטן. ער האָט געוואָלט רעדן מיט זײַן טאַטן. אָבער זײַן טאַטע איז געווען אין באָסטאָן. האָט הערשעלע געבענקט, געבענקט און ער האָט געשריבן אַ בריוועלע.

הערשעלע האָט געשריבן:

„ליבער פֿאָטער:

איך בענק נאָך דיר, איך וויל דיך זען. איך האָב דיך ליב, קום באַלד אַהיים. מײַן שוועסטערל זיסעלע פֿרעגט:

— „מאַמע, וואו איז דער טאַטע?"

זי זוכט דיך אונטערן שטול, זי זוכט דיך אונטערן בעט, זי זוכט דיך אומעטום. קום באַלד אַהיים, טאַטע. איך קוש דיך.

דײַן זון הערשעלע".

האָט דער פֿאָטער געענטפֿערט:

— „ליבער זון:

אַ דאַנק דיר פֿאַר דײַן ייִדיש בריוועלע. וואָס טוסטו, הערשעלע? וואָס טוט די מאַמע? וואָס טוט זיסעלע? גרים דער מאַמען און זיסעלען. זײַ אַ גוט ייִנגעלע. איך קום באַלד אַהיים. איך קוש דיך.

דײַן פֿאָטער בעני."

די טעג פֿון דער וואָך

עטעלע איז זיבן יאָר אַלט. זי האָט אַ ברודערל, מאָטעלע. מאָטעלע איז דרײַ יאָר אַלט. ער איז זייער אַ קלוג ייִנגעלע.

עטעלע לערנט זיך אין דער ייִדישער שול. איין

מאָל האָט זי געלערנט אין שול די טעג פֿון דער וואָך. דער לערער האָט געזאָגט:

— „קינדער, אַ וואָך האָט זיבן טעג. די זיבן טעג פֿון דער וואָך זײַנען:

זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק, מיטוואָך, דאָנערשטיק, פֿרײַטיק, שבת.

עטעלע האָט דאָס באַלד אויסגעלערנט. זי האָט דאָס געקענט זאָגן גוט. אָבער ניט אַלע קינדער האָבן דאָס באַלד אויסגעלערנט. ניט אַלע האָבן דאָס געקענט באַלד זאָגן גוט. אַנדערע האָבן גאָר געזאָגט:

זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק, מיטוואָך... פֿרײַטיק, שבת.

און זיי האָבן ניט געזאָגט „דאָנערשטיק."

אַנדערע האָבן געזאָגט:

זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק, מיטוואָך, דאָנערשטיק, ... שבת.

און זיי האָבן ניט געזאָגט „פֿרײַטיק."

איז עטעלע געקומען אַהיים און האָט געלערנט מאָטעלען די זיבן טעג פֿון דער וואָך. מאָטעלע האָט דאָס ניט געקענט זאָגן. איז עטעלע געוואָרן בייז אויף אים. זי האָט געשריִען אויף אים. האָט דאָס קלוגע ייִנגעלע געזאָגט צו איר:

— „דו דאַרפֿסט ניט שרײַען אויף מיר, עטעלע. דו ביסט זיבן יאָר אַלט, דאַרפֿסטו קענען זיבן טעג פֿון דער וואָך. אָבער איך בין נאָר דרײַ יאָר אַלט, דאַרף איך קענען נאָר דרײַ טעג פֿון דער וואָך.

און מאָטעלע האָט זיך אויסגעלערנט:

זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק...

די ליבע מאַמע

אַ קליין מיידעלע איז געגאַנגען אין גאַס. זי איז געגאַנגען, געגאַנגען, ביז זי האָט פאַרבלאָנדזשעט.

האָט דאָס מיידעלע זיך צעוויינט:

— „מאַמע, מאַמע! וואו ביסטו, מאַמע? נעם מיך אַהיים!"

אין גאַס איז געגאַנגען אַ פרוי. די פרוי האָט געזען, אַז דאָס מיידעלע וויינט, האָט זי געזאָגט:

— „קום אַהער, מיידעלע, קום אַהער, קום צו מיר אין שטוב!"

און די פרוי האָט גענומען דאָס מיידעלע פאַר אַ האַנט און זי געפירט צו זיך אין שטוב.

לעבן שטוב זײַנען געווען קלײנע קינדער. די קינדער האָבן זיך געשפּילט. אַז זײ האָבן געזען אַ װײנענדיק מײדעלע, האָבן זײ געזאָגט:

— „שאַ, מײדעלע, שאַ! קום, שפּיל זיך מיט אונדז. נאַ דיר, מײדעלע, שײנע זאַכן!"

און זײ האָבן איר געגעבן שײנע, טײַערע זאַכן.

אײן מײדעלע האָט איר געגעבן אַ ליאַלקע. אײן מײדעלע האָט איר געגעבן אַ בוך, אַ שײן בוך מיט שײנע בילדער. אײן מײדעלע האָט איר געגעבן קאַ־רעלן. אײן מײדעלע האָט איר געגעבן אַ בעטעלע פֿאַר דער ליאַלקע. אײן מײדעלע האָט איר געגעבן אַ שײן טעלערל און אַ לעפֿעלע און אַ גאָפּעלע. אַלע קינדער האָבן איר געגעבן שײנע, טײַערע זאַכן.

דאָס מײדעלע איז געװאָרן פֿרײלעך. די קינדער האָבן געטאַנצט און געזונגען, און זי האָט אױך גע־טאַנצט און געזונגען.

פּלוצלונג האָט דאָס מײדעלע דערזען איר מאַמען.

— „מאַמע! אַ, מײַן מאַמע!" —

האָט זי אַ געשרײ געטאָן. זי האָט איבערגעלאָזט די קינדער. זי האָט איבערגעלאָזט די ליאַלקע. זי האָט איבערגעלאָזט דאָס בוך מיט די שײנע בילדער. זי האָט איבערגעלאָזט די קאַרעלן. זי האָט איבערגע־לאָזט דאָס בעטעלע. זי האָט איבערגעלאָזט דאָס שײ־נע טעלערל מיטן לעפֿעלע און גאָפּעלע. זי האָט איבערגעלאָזט אַלע טײַערע זאַכן און איז אַװעקגעלאָפֿן צו דער טײַערסטער זאַך אין דער װעלט:

צו איר ליבער מאַמען.

אַרעלע פֿאָרט אַרום איבער דער וועלט

אַרעלע איז אַ קליין ייִנגעלע פֿון פֿינף יאָר. ער האָט זייער ליב אַרומצוגיין און זען אַ סך זאַכן. איין מאָל זאָגט אַרעלע צו זײַן טאַטן:

— „טאַטע, קויף מיר אַ קליינעם אויטאָמאָביל. איך וויל פֿאָרן איבער דער וועלט, איך וויל זען שיינע זאַכן."

האָט אַרעלע געבעטן, געבעטן, ביז דער טאַטע האָט אים געקויפֿט אַן אויטאָמאָביל.

האָט אַרעלע זײַן אייגענעם אויטאָמאָביל. און ער קען שוין זען די גאַנצע וועלט. ער פֿאָרט אַרום אין שטאָט, ער פֿאָרט אַרום אין דאָרף, ער פֿאָרט אַרום אין פֿעלד, ער פֿאָרט וואוהין ער וויל.

ער האָט אַ בוך מיט בילדער. קוקט ער און קוקט אויף די בילדער. ער קוקט אויף די בילדער פֿון שטאָט און דאָרף, פֿון פֿעלד און וואַלד און גאָרטן און פּלוצלונג גיט ער אַ זאָג:

— „נו, איך פֿאָר, איך וועל באַלד דאָרט זײַן!" און ער זעצט זיך אַרײַן אין זײַן אויטאָמאָביל.

ער פֿאָרט אַוועק גיך־גיך און באַלד איז ער שוין דאָרט — אין שטאָט, אָדער אין דאָרף, אין פֿעלד, אין וואַלד, אָדער אין גאָרטן.

איין מאָל האָט ער געזאָגט דער מאַמען:

— „מאַמע, איך פֿאָר אַוועק אויף אַ גאַנצן טאָג, מאָרגן וועל איך קומען צוריק.“

— „אויף אַ גאַנצן טאָג?“ — האָט די מאַמע געפֿרעגט, — „וואוהין פֿאָרט מײַן אַרעלע אויף אַ גאַנצן טאָג?“

— „איך פֿאָר קיין ענגלאַנד“, — האָט אַרעלע געענטפֿערט.

און ער איז אַוועק צו דער מאַשין, האָט זיך אַרײַנגעזעצט און געזאָגט:

— „פֿאָר, מאַשינדערלע, פֿאָר! פֿאָר קיין ענגלאַנד!“

און אַרעלע איז אַוועקגעפֿאָרן קיין ענגלאַנד. אָבער ער איז באַלד צוריקגעקומען.

ער האָט אין שטוב געקושט די מאַמען און געזאָגט:

— „העלאָ, מאַמע, וואָס מאַכסטו? וואָס מאַכט דער טאַטע?“

— „וואָס, ביסט שוין געווען אין ענגלאַנד?“ — זאָגט די מאַמע.

— „יאָ, איך פֿאָר גיך“, — ענטפֿערט אַרעלע, — „איך האָב אַ גוטן אויטאָמאָביל.“

אַזוי פֿאָרט אַרעלע אַרום אָפֿט איבער דער וועלט. אָדער ער פֿאָרט קיין ישׂראל, אָדער ער פֿאָרט קיין ענגלאַנד, אָדער ער פֿאָרט קיין כינע. ער פֿאָרט אין דער ווײַטער וועלט און ער האָט פֿאַרגעניגן.

ער בלײַבט אָבער דאָרט ניט לאַנג. ער גיט אַ קוק אויף דער גרויסער וועלט — און אין אַ פּאָר מינוט אַרום פֿאָרט ער שוין צוריק צו זײַן גוטער, ליבער מאַמען, צו זײַן גוטן, ליבן טאַטן.

אין זו

פּערעלע איז אַ קליין מיידעלע. פּערעלע זאָגט: „מאַמע, גוטע מאַמע, איך בעט דיך, קום מיט מיר אין זו. איך וויל זען דעם העלפאַנט. איך וויל זען דעם לייב. איך וויל זען דעם וואָלף. איך וויל זען דעם בער. איך וויל זען דעם הירש. איך וויל זען דעם פוקס. איך בעט דיך, גוטע מאַמע, קום מיט מיר אין זו."

האָט די מאַמע געזאָגט: „גוט, מײַן קינד, דו ביסט אַ גוט מיידעלע, איך וועל גיין מיט דיר אין זו."

און די מאַמע איז געגאַנגען מיט פּערעלען אין זו.

פּערעלע איז אַרומגעגאַנגען מיט דער מאַמען. זיי זײַנען אַרומגעגאַנגען אין זו.

די מאַמע האָט געזאָגט: „דו זעסט, מײַן קינד — אָט איז אַ לייב. דער לייב איז זייער שטאַרק. דער לייב איז דער קיניג פון די חיות (כאַיעס). אָט איז אַ וואָלף. דער וואָלף זעט אויס ווי אַ הונט. דער וואָלף איז אויך זייער שטאַרק. אָט איז אַ העלפאַנט. דער העלפאַנט איז גרעסער פון אַלע חיות. דער העל־פאַנט לעבט לענגער פון אַלע חיות. אָט איז אַ בער. דער בער קען שטיין אויף צוויי פיס. אָט איז אַ הירש. דער הירש האָט הערנער. דער הירש האָט

לאַנגע פּיס. דער הירש איז פ ל י נ ק ע ר פון אַלע חיות. און אָט איז אַ פוקס. דער פוקס איז זייער קלוג. דער פוקס איז ק ל י ג ע ר פון אַלע חיות."

פּערעלע האָט געקוקט און געקוקט. זי האָט געקוקט מיט גרויסע אויגן. זי האָט געזען שיינע חיות. זי האָט געזען שיינע פייגל. זי האָט געקושט די מאַמען און געזאָגט:

— „אַ דאַנק, גוטע מאַמע, אַ דאַנק!"

אַז פּערעלע איז געקומען אַהיים, האָט דער טאַטע זי געפרעגט:

— „זאָג מיר, פּערעלע, ווער איז גרעסער פון אַלע חיות?"

— „דער העלפאַנט", — האָט פּערעלע געענטפערט.

— „און ווער איז דער קיניג פון אַלע חיות?"

— „דער לייב."

— „און ווער איז פלינקער פון אַלע חיות?"

— „דער הירש."

— „און ווער איז קליגער פון אַלע חיות?"

—„דער פוקס."

האָט דער טאַטע געזאָגט:

— „ביסט אַ קלוג מיידעלע, פּערעלע, איך האָב דיך ליב."

מאָטעלע ווערט אַ לערער

מאָטעלע איז זיבן יאָר אַלט. ער לערנט אין דער ייִדישער שול. ער לערנט ייִדיש און איז אַ גוט ייִנגעלע. אַז ער קומט אַהיים פֿון שול, זאָגט ער צו זײַן טאַטן און מאַמען:

— „זעסט, טאַטע, זעסט, מאַמע, איך לייען שוין גוט ייִדיש?"

אַז מאָטעלע איז געקומען אין שול דעם ערשטן טאָג, האָט ער זיך שטיל געזעצט אויף זײַן שטול און האָט געקוקט דעם לערער גלײַך אין מויל. ער האָט געהערט וואָס דער לערער לערנט. ער האָט געהערט אַ שיין מעשהלע (מײַסעלע), וואָס דער לערער האָט דערציילט די קינדער. ער האָט געהערט וואָס די קינדער ענטפֿערן. און ער האָט געזונגען אַ ליד, וואָס אַלע קינדער האָבן געזונגען. אַז ער איז געקומען אַהיים, איז ער געווען זייער פֿריילעך.

אַז מאָטעלע איז געקומען דעם ערשטן טאָג פֿון שול, האָט ער געוואָלט ווערן אַ לערער.

ער האָט געזאָגט דער מאַמען:

— „אָ, מאַמע, איך קען שוין אַזוי גוט לערנען!

איך קען שוין אַזוי גוט ייִדיש! איך קען שוין ווערן אַ לערער!"

האָט ער גענומען זײַן ברודערל פֿון פֿינף יאָר און זײַן שוועסטערל פֿון דרײַ יאָר, און ער האָט זיי געלערנט ייִדיש.

אָבער דער קלאַס איז געווען זייער קליין. האָט מאַטעלע אָוועקגעשטעלט זײַן פֿערדעלע לעבן זײַן ברודערל און שוועסטערל, האָט ער שוין געהאַט אַ גרויסן קלאַס. נאָך דעם האָט ער זיי דערציילט אַ מעשהלע, וואָס דער לערער האָט דערציילט אין קלאַס, און ער האָט זיי געוויזן ווערטער אין בוך, און ער האָט געזונגען מיט זיי אַ לידעלע:

— „ברויט מיט פּוטער, ברויט מיט פּוטער,
גיב מיר ברויט מיט פּוטער.
שנײַד פֿאַר מיר, און שנײַד פֿאַר דיר
און שנײַד אויך פֿאַר דער מוטער."

נאָך דעם איז ער צוגעגאַנגען צו דער מאַמען און געזאָגט:

— „נו, מאַמע, אַ־יאָ איך בין אַ גוטער לערער? אַ־יאָ איך לערן גוט מײַן ברודערל און מײַן שוועסטערל און מײַן פֿערדעלע? יאָ, איך קען גוט לערנען ייִדיש, איך בין אַ גוטער ייִדישער לערער, אַ־יאָ, מאַמע?"

די מאַמע האָט געשמייכלט. זי האָט געקושט איר ייִנגעלע און געענטפֿערט:

— „יאָ, מײַן זונדעלע, ביסט אַ גוטער ייִדישער לערער."

אַ גוט מיידעלע

אָדעלע איז אַ קליין מיידעלע, אַ מיידעלע פֿון פֿינף יאָר. זי האָט זייער ליב בילדער. אַז זי זעט אַ שיין בילד, קוקט זי און קוקט און קוקט. נאָך דעם זאָגט זי צו דער מאַמען:

— „אוי, מאַמע, איז דאָס אַ גוט בילד, עס איז אַזוי שיין, אַזוי שיין!"

איין מאָל זעט אָדעלע אַ צײַטונג. די צײַטונג איז געווען אין יידיש. זעט זי אין דער יידישער צײַטונג בילדער. אויף איין בילד שטייט אַ מיידעלע, אַ קליין מיידעלע פֿון זעקס יאָר. דאָס מיידעלע האָט אַ קליין פּנימל, דאַרע הענטעלעך און דאַרע פֿיסעלעך און זי איז זייער טרויעריק.

קוקט אָדעלע און קוקט, און זי זאָגט:

— „מאַמע, פֿאַר וואָס איז דאָס מיידעלע אַזוי דאַר? זע נאָר, די הענטעלעך און פֿיסעלעך זײַנען אַזוי דאַר, און דאָס פּנימל אַזוי קליין! און פֿאַר וואָס איז דאָס מיידעלע אַזוי טרויעריק?"

האָט די מאַמע געענטפֿערט:

— „דאָס איז אַ יידיש מיידעלע פֿון אייראָפּע, מײַן קינד. דאָס מיידעלע האָט ניט קיין טאַטן און קיין מאַמען. זי האָט ניט געהאַט קיין היים און זי האָט ניט געהאַט קיין ברויט. איצט האָט מען זי געבראַכט קיין ישׂראל, און מ'דאַרף איר העלפֿן. עס זײַנען דאָ אַ סך אַזוינע מיידעלעך אין אייראָפּע."

— „קענען מיר איר העלפֿן?" — האָט אָדעלע געפֿרעגט.

— „יאָ, מײַן קינד“, — האָט געענטפֿערט די מאַמע, — „אַ סך ייִדן שיקן פֿאַר די קינדער אין ישׂראל געלט און קליידער און עסן, קען מען פֿאַר דעם מיידעלע אויך שיקן.“

— „נו, וועל איך איר טאַקע שיקן“, — האָט אָרעלע געזאָגט. און אָרעלע האָט גענומען אַ קליין קעסטעלע. זי האָט אַרײַנגעלייגט אין קעסטעלע אַ פּאָר שטיקלעך ברויט, צוויי עפּל, צוויי באַרן און צוויי פֿלוימען. נאָך דעם האָט זי עפּעס געשריבן אויף פּאַפּיר.

— „וואָס שרײַבסטו?“ — האָט געפֿרעגט די מאַמע.

— „איך שרײַב אַ בריוועלע צום מיידעלע“, — האָט אָרעלע געזאָגט. און זי האָט געלייענט דאָס בריוועלע פֿאַר דער מאַמען:

„איך האָב דיך ליב, איך שיק דיר עסן. איך שיק דיר ברויט און עפּל, און באַרן און פֿלוימען. זײַ געזונט און שרײַב מיר אַ בריוועלע.“ נאָך דעם האָט זי אַרײַנגעלייגט דאָס בריוועלע אין קעסטעלע. זי האָט דאָס קעסטעלע געגעבן דער מאַמען און געזאָגט:

— „נאַ, מאַמע, שיק עס אַוועק, וועט דאָס מיידעלע מער ניט זײַן הונגעריק.“

— „גוט“, — האָט געענטפֿערט די מאַמע, — „איך וועל דאָס קעסטעלע אַוועקשיקן. דו האָסט אַ גוט האַרץ, מײַן קינד.“

און זי האָט אַרומגענומען איר גוטע טאָכטער און זי געקושט און געקושט.

פּערעלעס געבוירן־טאָג

פּערעלע איז אַ קליין מיידעלע. אָבער אין גיכן ווערט זי אַ גרויס מיידעלע, זי ווערט זעקס יאָר אַלט. אין אַ מאָנאַט אַרום איז איר געבוירן־טאָג. זי ווערט אַ גרויס מיידעלע. איז פּערעלע פריילעך, זייער פריי־לעך. זי לויפט אַרום און שרייַט:

— „געדענק, מאַמע, געדענק, אין אַ מאָנאַט אַרום איז מייַן געבוירן־טאָג, מען וועט מיר מאַכן אַ שמחה (סימכע)!"

— „געדענק, פּאַפּאַ, געדענק, אין אַ מאָנאַט אַרום איז מייַן געבוירן־טאָג, מען וועט מיר מאַכן אַ שמחה!"

— „געדענק, זיידע, געדענק, אין אַ מאָנאַט אַרום איז מייַן געבוירן־טאָג, מען וועט מיר מאַכן אַ שמחה!"

— „געדענק, באָבע, געדענק, אין אַ מאָנאַט אַרום איז מייַן געבוירן־טאָג, מען וועט מיר מאַכן אַ שמחה!"

און זי לויפט צו אַלע יינגעלעך און צו אַלע מיי־דעלעך:

— „געדענקט, קינדער, געדענקט, אין אַ מאָנאַט אַרום איז מייַן געבוירן־טאָג, מען וועט מיר מאַכן אַ שמחה!"

אָבער די מאַמע שמייכלט און שמייכלט. זי שמייכלט און זאָגט:

— „ניין, פּערעלע, ניין, מען וועט דיר קיין שמחה ניט מאַכן, איך האָב ניט קיין געלט.

און זי שמייכלט און שמייכלט...

אין אַ מאָנאַט אַרום איז געווען פּערעלעס געבוירן־טאָג. האָט די מאַמע געזאָגט:

— „ניין, פּערעלע, ניין, ס'וועט קיין שׂמחה ניט זײַן, גיי מיט דעם טאַטן אין די מואווים.״

האָט דער טאַטע געזאָגט:

— „יאָ, מײַן קינד, קום אין די מואווים, קום מיט מיר אין די מואווים.״

און דער טאַטע און פּערעלע זײַנען געגאַנגען אין די מואווים. אַז פּערעלע איז געקומען צוריק אַהיים, האָט זי געזען:

„אין שטוב איז ליכטיק, אין שטוב איז פרײלעך. אין שטוב זיצן יינגעלעך און מיידעלעך און זיי זײַנען זייער פרײלעך, האָט פּערעלע אַ געשריי געטאָן:

— „אָ, וואָס איז דאָס?״

אירע אויגן זײַנען געוואָרן גרויס און פול מיט וואונדער. און דער טאַטע און די מאַמע האָבן געלאַכט און געפרייט זיך. און דער זיידע און די באָבע האָבן געלאַכט און געפרייט זיך. און די קינדער האָבן געלאַכט און געפרייט זיך און געזונגען:

— „גליק און גליק
און אַ שיעור
צו דײַן געבוירן־טאָג
ווינטשן מיר!"

פּערעלע איז געזעסן בײַם טיש. זי איז געזעסן מיט אַלע קינדערלעך. זיי האָבן געגעסן און געטרונקען. נאָך דעם האָבן זיי ווידער געזונגען און געטאַנצט און געשפּרונגען. און אַלע, אַלע — דער טאַטע און די מאַמע, דער זיידע און די באָבע, און אַלע קינדערלעך, האָבן געגעבן פּערעלען מתנות (מאַטאָנעס), און פּערעלע איז געווען זייער פריילעך.

איצט ווייסט שוין פּערעלע פאַר וואָס די מאַמע האָט געזאָגט, אַז ס'וועט ניט זײַן קיין שמחה און האָט געשמייכלט און געשמייכלט...

מאָטעלע בויט הײַזער פאַר אָרעמע

מאָטעלעס טאַטע־מאַמע זײַנען אָרעמע מענטשן. זיי האָבן ניט קיין אייגן הויז.

מאָטעלע הערט ווי דער טאַטע זאָגט צו דער מאַמען:

— „דו הערסט, זעלדע? עס איז ניט גוט צו זײַן אָרעם. מ'אַרבעט, און מ'אַרבעט, און מ'האָט גאָרניט. מיר צאָלן און צאָלן און צאָלן — און מיר האָבן ניט קיין הויז."

זאָגט מאָטעלע צו זײַן שוועסטערל:

— „עטעלע, לאָמיר בויען אַ הויז פאַר אונדזער פאַמיליע.״

נעמען זיי קלעצלעך און בויען אַ הויז. זיי מאַכן ווענט, זיי מאַכן טירן און פענצטער און זיי לייגן אַ דאַך. אַז זיי ענדיקן, קוקן זיי אויף זייער הויז און פרייען זיך.

זיי פרייען זיך מיט זייער גוטער אַרבעט, און וואָס די פאַמיליע וועט האָבן אַן אייגן הויז.

קוקט מאַטעלע און קוקט און ער זאָגט צו זײַן שוועסטערל:

— „עטעלע, מיר האָבן געבויט אַ שטוב פאַר טאַטע־מאַמע, ווײַל זיי האָבן ניט קיין אייגענע שטוב. פאַר וואָס זאָלן מיר ניט בויען נאָך שטיבער פאַר נאָך אָרעמע מענטשן? לאָמיר בויען אַ סך שטיבער פאַר די אָרעמע מענטשן!״

— „גוט, לאָמיר!״ — ענטפערט עטעלע. און זיי נעמען בויען הײַזער פאַר אָרעמע מענטשן. אָט מאַכן זיי ווענט, טירן, פענצטער, אָט לייגן זיי אַ דאַך — פאַרטיק אַ הויז! זיי האָבן שוין אַ הויז פאַר אַן אָרעמער פאַמיליע! זיי קוקן עס גוט אָן:

„שיין? שטאַרק? עס וועט ניט אײַנפאַלן? גוט!״

און זיי בויען ווײַטער. זיי בויען אַ הויז נאָך אַ הויז. ביז עטעלע זאָגט:

— „שוין, מאַטעלע, מיר האָבן שוין פאַר די אָרעמע אַ סך הײַזער, גענוג דערווײַל!״

און זיי לייגן אַוועק די אַרבעט.

— „נו, וויפל זאָלן די אָרעמע צאָלן פאַר אַ הויז?״ — פרעגט דאָס קליינע מיידעלע.

— „וויפֿל ?‟ — טראַכט דאָס ייִנגעלע,—„כ'ווייס ? הונדערט דאָלאַר !‟

— „ניין‟, — זאָגט עטעלע, — „הונדערט דאָלאַר איז אַ סך געלט, די אָרעמע האָבן ניט קיין סך געלט. צען דאָלאַר !..‟

און אַזוי בלײַבט עס: צען דאָלאַר פֿאַר אַ שטוב.

מאָטעלע און עטעלע זײַנען צופֿרידן. זיי לאָזן איבער אויף אַ ווײַלע די הײַזער און גייען אַרײַן אין שטוב זיך אָפּצורוען פֿון דער שווערער אַרבעט און צו דערציילן טאַטע־מאַמע וואָס זיי האָבן אויפֿגעטאָן.

אַ פּאַרטראַכט מיידעלע

שיינדעלע איז אַ שטיל מיידעלע, און אַלע מאָל איז זי פאַרטראַכט.

— „וואָס טראַכ־סטו, שיינדעלע?" —פרעגט די מאַמע.

— „איך האָב עפּעס געזען, טראַכט איך פון דעם," — ענטפערט שטיל שיינדעלע.

— „וואָס טראַכסטו, שיינדעלע?" — פרעגט דער טאַטע.

— „איך האָב עפּעס געהערט, טראַכט איך פון דעם" — ענטפערט שטיל דאָס מיידעלע.

שיינדעלע קוקט אָפט אויף בילדער.

אַט זעט זי אין דער יִדישער צײַטונג אַ בילד פון אַ יִדישער מאַמע און אַ מיידעלע, וואָס זײַנען געקו־מען קיין אַמעריקע.

— „אָ, מאַמע!" — זאָגט שיינדעלע — „ווי אַזוי קען איך קומען צו דער מאַמען און צו דעם מיידעלע? איך וויל זען זייער הויז, איך וויל זען דעם מיידעלעס טאַטע, איך וויל רעדן צום מיידעלע און זיך שפּילן מיט איר."

אַזוי זאָגט שיינדעלע, און זעצט זיך אַוועק אויפֿן דיל מיט די הענטעלעך אַרום די קני׳עלעך.

זי קוקט אין דער ווײַט, זי האָט זיך פֿאַרטראַכט.

„פֿון וואַנען קומען די מאַמע און דאָס מיידעלע?״ — טראַכט שיינדעלע.

„אָ, זי ווייסט... זי ווייסט!.. זי הערט אין שטוב ווי דער טאַטע און די מאַמע רעדן. עס זײַנען דאָ אַ סך אַזוינע מאַמעס און מיידעלעך... אַך, ווען זי האָט אַ סך געלט! זי וואָלט גענומען אַ שיף, און געקומען „אַהין״ און וואָלט געזאָגט צו זיי:

— „מאַמעס, טאַטעס, איר דאַרפֿט ניט זײַן טרויעריק. נאָט אײַך געלט, נעמט אײַערע קינדערלעך און קומט צו מיר קיין אַמעריקע!..״

און די ייִדישע טאַטעס און מאַמעס און קינדער וואָס ווילן פֿאָרן קיין ישׂראל, וואָלט זי אויך געגעבן געלט און געזאָגט:

— „נאָט אײַך, טאַטעס און מאַמעס געלט און פֿאָרט קיין ישׂראל!״

אַזוי זיצט שיינדעלע אויפֿן דיל, און טראַכט פֿון די ייִדישע מאַמעס און קינדערלעך, וואָס האָבן ניט קיין היים, און ווילן פֿאָרן קיין ישׂראל, אָדער קיין אַמעריקע.

אַלע מאָל איז זי פֿאַרטראַכט, שיינדעלע. אַלע מאָל טראַכט זי פֿון אַן אַנדער זאַך. ביז די מאַמע גיט זי אַ רוף:

— „שיינדעלע, וואָס זיצסטו אַזוי שטיל? וואָס טראַכסטו?״

גיט זיך שיינדעלע אַ כאַפּ, ווי פֿון שלאָף, און זי נעמט דערציילן דער מאַמען וואָס זי האָט געטראַכט.

דאָס גוטע ייִנגל

בערעלע איז אַ קליין ייִנגעלע, אַ ייִנגעלע פֿון זיבן יאָר. זײַן טאַטע איז אַן אָרעמער אַרבעטער.

עס איז ווינטער, אַ סך ייִנגעלעך האָבן שליטע־לעך, אָבער בערעלע האָט ניט קיין שליטעלע. בע־רעלע קוקט אויף די ייִנגעלעך און בעט:

— „קינדער, לאָזט מיך אַ ביסל זיך שליטלען אויף אײַער שליטעלע — אַ ביסל, נאָר אַ ביסל.“

איז אַ מאָל לאָזט אים אַ ייִנגל זיך שליטלען און אַ מאָל — ניט.

בערעלע קוקט זיך צו ווי די ייִנגלעך שליטלען זיך און ער טראַכט:

— „אַך, ווען איך וואָלט געהאַט אַ שליטעלע! ווען איך וואָלט געהאַט אַ שליטעלע, וואָלט איך אַלע אָרעמע קינדער געלאָזט זיך שליטלען אויף מײַן שליטעלע!“

*
**

בערעלעס טאַטע האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן. ער האָט געאַרבעט און פֿאַרדינט אַ ביסל געלט. דער טאַטע האָט געקויפֿט בערעלען אַ שליטעלע. שליטלט זיך בערעלע אַ פֿרייליכער אויף זײַן שליטעלע.

אַז ער זעט אַ ייִנגעלע, וואָס האָט ניט קיין שליטעלע, בלײַבט ער שטיין און זאָגט:

— „הער, דו ווילסט זיך אַ ביסל שליטלען? קום אַהער, זעץ זיך אַוועק!"

ער גייט אַראָפּ פֿון זײַן שליטעלע און ער גיט דאָס דעם ייִנגעלע און זאָגט:

— „פֿאָר, פֿאָר, ייִנגעלע, ס'איז גוט, דער שניי איז טיף, ס'איז אַ פֿאַרגעניגן."

*
**

פֿאָרט איין ייִנגעלע אויף בערעלעס שליטעלע, פֿאָרט נאָך אַ ייִנגעלע אויף בערעלעס שליטעלע, און אַ דריט ייִנגעלע און אַ פֿערט ייִנגעלע, און בערעלע שטייט און קוקט און קוועלט. ער זעט ווי די אָרעמע קינדער האָבן פֿאַרגעניגן און ער האָט אויך פֿאַרגעניגן. נאָך דעם גייט ער אַהיים צו טאַטע־מאַמע און ער דערציילט זיי וואָס ער האָט געטאָן.

זאָגן טאַטע־מאַמע:

— „גוט אַזוי, בערעלע, גוט אַזוי! דו ביסט אַ גוטער, דו האָסט אַ ייִדיש האַרץ."

דער יִידישער העלד שימעלע

שימעלע איז אַ קליין יִינגעלע, ער איז נאָך קיין זיבן יאָר ניט אַלט. ער גייט נאָך ניט אין שול.

אָבער שימעלע האָט אַ גרעסערן ברודער. דער ברודער גייט אין שול. דער ברודער לערנט יִידיש.

אַז ס'איז געקומען דער ערשטער טאָג חנוכּה (כאַנוקע), האָט דער ברודער געזאָגט צו שימעלען:

— „שימעלע, ווילסט הײַנט גיין אין שול? דו וועסט זען ווי דער לערער צינדט אָן חנוכּה־ליכט־לעך און דו וועסט הערן אַ שיין חנוכּה־מעשׂהלע (מײַסעלע).‟

איז שימעלע געגאַנגען מיט זײַן ברודער אין שול.

ער האָט געזען ווי עס ברענען די חנוכּה־ליכט־לעך און ער האָט געהערט די מעשׂה פֿון חנוכּה.

ער האָט געהערט ווי דער לערער האָט דער־ציילט, אַז אַמאָל האָבן די יִידן געהאַט זייער אייגן לאַנד, האָבן די גריכן עס צוגענומען בײַ זיי. די גריכן האָבן ניט געלאָזט די יִידן, אַז זיי זאָלן לעבן ווי יִידן.

זיי האָבן געוואָלט, אַז די יִידן זאָלן לעבן ווי גריכן.

איז אויפֿגעשטאַנען אַן אַלטער מאַן, אַ העלדישער יִיד. מתּתיהו האָט ער געהייסן. דער אַלטער מאַן האָט געהאַט פֿינף זין.

דער אַלטער און זײַנע פֿינף זין האָבן זיך גע־שטעלט קעגן די גריכן. דער גרעסטער העלד פֿון די

פינף זין איז געווען יהודה המכבי (יעהודע האַ־מאַכּאַבי).

יהודה המכבי האָט צונויפגענומען די ייִדן און זיי האָבן מלחמה געהאַלטן מיט די גריכן און זיי פאַר־טריבן פון דעם ייִדישן לאַנד.

די ייִדן זײַנען ווידער געוואָרן פרײַ און האָבן ווידער געלעבט ווי ייִדן.

דערפאַר צינדן מיר אָן ליכטלעך און פײַערן דעם שיינעם יום־טוב (יאָנטעוו) חנוכה.

שימעלע האָט געהערט די חנוכה־מעשה און האָט אַ גאַנצן טאָג געטראַכט וועגן דעם. בײַ נאַכט איז ער געלעגן אין בעט און האָט געטראַכט און געטראַכט.

פלוצעם דערזעט שימעלע אַן אַלטן, הויכן און שיינעם ייִדן מיט אַ לאַנגער, ווײַסער באָרד. דער אַלטער ייִד זאָגט צו אים:



— זאָג נאָר, יִנגעלע — ביסטו אַ יִדיש יִנגעלע ?"
— „יאָ !" — ענטפערט שימעלע.
— „און ווי הייסטו ?"
— „מײַן נאָמען איז שימעלע."
— „אַזוי ? שימעלע ?" — זאָגט דער אַלטער, — „איך האָב געהאַט אַ יִנגעלע שימעלע. ווען מײַן יִנגעלע איז אויסגעוואַקסן, איז ער געוואָרן אַ יִדי־שער העלד, אַזוי ווי זײַן ברודער יהודה המכבי."
— „אַ !" — האָט שימעלע אויסגערופן, — „דאָס ביסטו דער אַלטער ייִד, וואָס האָט געהאַט פינף זין העלדן ? דו ביסט יהודה המכבים טאַטע ? אָ, איך בין אַזוי גליקלעך וואָס איך זע דיך !"
— זייער גוט, מײַן קינד", — האָט געענטפערט דער אַלטער, — „איצט הער וואָס איך וויל פון דיר: איך האָב געהאַט פינף זין און אַלע זײַנען אויס־געוואַקסן גוטע יִדן, העלדן; ווייל איך, אַז אַלע יִדישע זין און טעכטער זאָלן אויסוואַקסן מוטיקע יִדן, העלדן — און דו אויך ! מיר האָבן אַמאָל גע־האַט אַ גריכישן קיניג פאַר אַ שונא (סוינע), און איצט האָבן מיר געהאַט אַ היטלער פאַר אַ שונא. מיר זײַנען יעמאָלט געווען העלדן און האָבן באַזיגט די שלעכטע גריכן. איצט האָבן העלדישע יִדן און אַנדערע העלדישע פעלקער באַזיגט דעם שלעכטן היטלער. אַז דו וועסט אויסוואַקסן זאָלסטו אויך זײַן אַ יִדישער העלד. נו, וואָס זאָגסטו, מײַן קינד ?.."
— „יאָ, אַוואַדע !" — האָט זיך שימעלע אַ וואָרף געטאָן, — „איך וועל זײַן אַ מוטיקער ייִד, אַ העלד, אַזוי ווי דײַנע זין זײַנען געווען", — און שימעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

אויף מאָרגן האָט שימעלע אַלץ דערציילט זײַן טאַטע־מאַמע. ער האָט אויך דערציילט זײַנע פֿרײַנד און נאָך קינדער, אַז ער האָט געזען דעם אַלטן ייִדן, דעם גרויסן העלד, און אַז ער האָט גערעדט מיט אים. שימעלע און די אַנדערע קינדער האָבן באַשלאָסן, אַז ווען זיי וועלן אויסוואַקסן וועלן זיי זײַן מוטיקע ייִדן, העלדן, אַזוי ווי דער אַלטער ייִד און זײַנע פֿינף זין.

אַ שוועסטערל פֿון פּוילן

די קליינע האָדעלע גייט אין דער ייִדישער שול. זי איז אַ גוט ייִדיש מיידעלע, און זי לערנט זיך ייִדיש.

איין מאָל קומט האָדעלע אַהיים פֿון שול מיט אַ פֿרייד:

„מאַמע, מאַמע! אוי האָב איך גוטע נײַעס פֿון שול! דו ווייסט וואָס דער לערער האָט געזאָגט? ער האָט געזאָגט אַז אין פּוילן זײַנען דאָ ייִדישע קינדער. אַ סך קינדער האָבן ניט קיין טאַטן. אַ סך קינדער האָבן ניט קיין מאַמען. האָבן גוטע מענטשן גענומען די קינדער צו זיך אַהיים. דער לערער זאָגט, אַז מיר זאָלן שיקן די קינדער פּעקלעך קליידער און פּעקלעך עסן און בריוועלעך. וואָס זאָגסטו, מאַמע, אַ־יאָ דאָס איז שיין?"

— „יאָ", — זאָגט די מאַמע — „דאָס איז זייער שיין, און צו וועמען מײַן קינד, וועסטו שיקן די פּעקלעך און דאָס בריוועלע, — דו ווייסט שוין דעם נאָמען פֿון דעם קינד?"

— „יאָ“, — ענטפערט האָדעלע — „ס'איז אַ מיי־דעלע, איר נאָמען איז אסתּר לערנער. און דו ווייסט, מאַמע, וואָס דער לערער האָט געזאָגט? ער האָט געזאָגט, אַז די ייִדישע קינדערלעך פון פּוילן זײַנען אונדזערע שוועסטערלעך און ברידערלעך. האָב איך איצט אַ שוועסטערל, מאַמע, — אסתּר לערנער פון פּוילן איז מײַן שוועסטערל.“

— „זייער שיין,“ — האָט די מאַמע זיך געפרייט.

— „איצט מײַן מיידעלע, דאַרפן מיר טאָן צוויי זאַכן: שיקן צוויי פּעקלעך און שרײַבן אַ בריוועלע. איך וועל מאַכן די פּעקלעך און דו וועסט שרײַבן דאָס בריוועלע.“

און אַזוי איז טאַקע געווען: די מאַמע האָט גענו־מען מאַכן פּעקלעך און האָדעלע האָט גענומען שרײַבן אַ בריוועלע. האָדעלע האָט געשריבן:

— „מײַן טײַער שוועסטערל פון פּוילן, אסתּר לערנער: מײַן לערער האָט מיר דערציילט פון דיר. ער האָט מיר אויך דערציילט פון די אַנדערע ייִדישע קינדערלעך אין פּוילן. שיק איך דיר אַ בריוועלע. איך וויל וויסן צי דו לערנסט זיך אין אַ ייִדישער שול, און וואָס דו טוסט. קענסטו שרײַבן ייִדיש? ענטפער מיר אַ ייִדיש בריוועלע. איך שיק דיר אויך קליידער און עסן.

— „זיי געזונט, מײַן שוועסטערל פון פּוילן. האָדעלע“.

די מאַמע האָט אַוועקגעשיקט די פּעקלעך, און האָדעלע האָט אַוועקגעשיקט דאָס בריוועלע. איצט וואַרט האָדעלע אויף אַ בריוועלע פון פּוילן.

דאָס מיידעלע און די פֿייגעלעך

1

טעלעס טאַטע און מאַמע האָבן אַ שיין הויז. ביַי דעם הויז איז דאָ אַ שיינער הויף. אין הויף שטייט אַ בוים. אין דער פֿרי קומען צום בוים פֿייגעלעך. די פֿייגעלעך שטייען אויפֿן בוים און זינגען:

„עטעלע, עטעלע, טשיר, טשיר, טשיר,
קום און עפֿן אויף די טיר.
ס'איז שוין ליכטיק אין דיַין הויז,
שטיי זשע אויף און קום אַרויס!"

הערט עטעלע דאָס זינגען פֿון די פֿייגעלעך. זי שטייט אויף, טוט זיך אָן, וואַשט זיך און עסט.

אַז זי קומט אַרויס אין הויף, קומען מיידעלעך זיך שפּילן מיט איר. ווערט דער הויף פֿול מיט פֿרייד און געזאַנג. עס שפּילן זיך און זינגען די מיידעלעך אונטערן בוים. עס שפּילן זיך און זינגען די פֿייגעלעך אויפֿן בוים, און דאָס הויף איז פֿול מיט פֿרייד, שפּיל און געזאַנג.

2

איין מאָל, אין דער פֿרי, גייט עטעלע אַרויס אין הויף. עס איז נאָך געווען פֿרי. די מיידעלעך זיַינען נאָך ניט געקומען.

זעט עטעלע, דריַי פֿייגעלעך גייען אַרום אויף דער ערד. די פֿייגעלעך זיַינען וויַיט פֿון איר. גייט עטעלע צו צו די פֿייגעלעך. זי גייט, גייט, גייט — און טוט אַ שפּרונג.

פֿליִען די פֿייגעלעך אַוועק. זיי פֿליִען אַרויף אויפֿן בוים.

באַהאַלט זיך עטעלע אונטערן בוים. זי שטייט

און שטייט, און וואַרט און וואַרט. פליִען די פייגעלעך אַראָפּ אויף דער ערד.

גייט עטעלע ווידער צו צו די פייגעלעך. זי גייט, גייט, גייט — און טוט ווידער אַ שפרונג. זי וויל כאַפּן אַ פייגעלע, און עס געבן עסן און טרינקען. פליִען די דריַי פייגעלעך ווידער אַוועק.

באַהאַלט זיך עטעלע ווידער אונטערן בוים, פליִען די דריַי פייגעלעך ווידער אַראָפּ אויף דער ערד.

עטעלע שטייט וויַיט פון די פייגעלעך. זי קוקט אויף זיי און זאָגט:

„פייגעלעך, פייגעלעך, וואָס זוכט איר אין מיַין הויף? איר זוכט ווערעמלעך? צי איר זוכט ברעקעלעך ברויט? קיין ווערעמלעך האָב איך ניט, ליבע פייגעלעך, אָבער ברעקעלעך ברויט האָב איך.“

און עטעלע גייט אַריַין אין הויז. זי נעמט אין איר פאַרטעכל ברעקעלעך ברויט.

זי וואַרפט די ברעקעלעך צו די פייגעלעך און זאָגט:

„עסט, עסט, מיַינע פייגעלעך, עסט.
עסט מיַינע, קליינע ליבע געסט.“

די פייגעלעך עסן און דאָס מיידעלע קוקט און שמייכלט און שיַינט.

אַז די פייגעלעך עסן אָפּ, הייבן זיי זיך אויף און פליִען אַוועק.

עטעלע קוקט זיי נאָך און זאָגט:

„פליט געזונט, מיַינע ליבע פייגעלעך,
פליט איבער וואַלד און פליט איבער פעלד.
גריסט מיַינע ברידערלעך, גריסט מיַינע שוועסטערלעך
איבער דער גרויסער, ליכטיקער וועלט.“

עטעלע און מאָטעלע פֿלאַנצן ביימער אין ארץ־ישׂראל

עטעלע און מאָטעלע זײַנען געקומען אַהיים פֿון דער ייִדישער שול. זיי זײַנען געווען זייער פֿריילעך. זיי זײַנען אַרײַנגעלאָפֿן צו דער מאַמען אין קיך. עטע־לע האָט אויסגערופֿן:

— „מאַמע, אין דרויסן איז אַ שניי, אַ־יאָ? אין דרויסן איז זייער קאַלט, ס'איז אַ פֿראָסט, אַ־יאָ?"

— „זיכער", — האָט די מאַמע געענטפֿערט.

— „ווייסטו, מאַמע", — האָט עטעלע ווײַטער גערעדט, — „אַז אין ארץ־ישׂראל איז איצט פֿרילינג? דער לערער האָט אונדז דערציילט, אַז הײַנט, חמשה־עשר, פֿופֿצן טעג אין חודש שבֿט (שוואַט) איז בײַ די ביימער אין ארץ־ישׂראל דער אָנהייב פֿון יאָר, ראש השנה (ראָש האַשאָנע)."

— „די ביימער אין ארץ־ישׂראל צעבליִען זיך, מאַמע, אַזוי האָט דערציילט דער לערער", — האָט מאָטעלע געזאָגט.

— „און אַז די ייִדן זעען די שיינע ביימער זײַנען זיי פֿריילעך", — האָט פֿאַרענדיקט עטעלע.

— „אָבער וואָס פֿאַר אַ ביימער זײַנען דאָ אין ארץ־ישׂראל?" — האָט געפֿרעגט די מאַמע.

— „מאַנדל־ביימער", — האָט עטעלע געענט־פֿערט, — „דער לערער האָט אונדז געזאָגט..."

— „פֿײַגן־ביימער!" — האָט מאָטעלע אַ געשריי געטאָן.

— „און מאַראַנצן־ביימער!"
— „און טייטל־ביימער!"
— און דו ווייסט, מאַמע, וואָס די קינדער אין ארץ־ישׂראל טוען חמשה־עשׂר", — האָט עטעלע געזאָגט. — „זיי גייען אַרויס מיט די לערערס שפּאַצירן אין די פעלדער. זיי זינגען לידער און טאַנצן, און פלאַנצן ביימעלעך."
פלוצעם האָט מאַמעלע אַ שלעפּ געטאָן זײַן שוועסטערל בײַ דער האַנט:
— „זע נאָר, עטעלע, איך האָב גאָר פאַרגעסן! מיר קאָנען אויך פלאַנצן ביימער אין ארץ־ישׂראל. מיר וועלן נעמען פּאַפּיר און אויסמאָלן אויף דעם בערגלעך ערד מיט ביימער."
די קינדער האָבן זיך אַוועקגעזעצט בײַם טיש און זיי האָבן אויסגעמאָלט בערגלעך ערד מיט ביימעלעך.

— גערענק, עטעלע, דאָס איז ארץ־ישׂראל", — האָט מאָטעלע געזאָגט.

— אַוואַדע איז דאָס ארץ־ישׂראל!" — האָט עטע־לע געענטפערט.

— „עטעלע", — האָט מאָטעלע געוויזן אויף זײַנע ביימעלעך, — „דו זעסט וויפל ביימער איך האָב שוין געפלאַנצט? צוויי מאַנדל־ביימער, צוויי טייטל־ביימער און דרײַ פײַגן־ביימער."

אַז די קינדער האָבן געענדיקט פלאַנצן די ביי־מער, האָבן זיי לאַנג געקוקט אויף זיי. דערנאָך האָט עטעלע גענומען אַ שטיק פּאַפּיר, געמאַכט אַ גרויסן עראָפּלאַן און געזאָגט:

— „מאָטעלע, אָט האָבן מיר אַן עראָפּלאַן, ווילסט פליִען קיין ארץ־ישׂראל?"

— „זײַ געזונט, מאַמע!" — האָט מאָטעלע גע־זאָגט. ער האָט אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויפן עראָ־פּלאַן און אים געפירט גלײַך קיין ארץ־ישׂראל.

— „זש־זש־זש־זש!.. פלי, פלי, עראָפּלאַנדל, פלי קיין ארץ־ישׂראל!.."

— „שטיי!" — האָט עטעלע אַ געשריי געטאָן. — „מיר זײַנען שוין אין ארץ־ישׂראל. מיר פליִען איבער קאָלאָניעס, און איבער די פעלדער און וועלדער. אָ, ווי שיין עס איז דאָס לאַנד!"

— „זש־זש־זש!.. קוק אַראָפּ, עטעלע... דו זעסט ווי די קינדער גייען מיט זייערע לערערס שפּאַצירן אין פעלד און פלאַנצן ביימער? דו הערסט ווי זיי זינגען לידער? דו זעסט ווי זיי טאַנצן?"

— „יאָ, אַוואַדע", — שאָקלט עטעלע מיטן קאָפּ.

— „נו, איצט דאַרפן מיר שוין פאָרן צוריק אַהיים",

— האָט מאַטעלע זיך דערמאָנט. מיר האָבן דאָך שוין אונדזערע ביימעלעך אין ארץ־ישראל."

און מאַטעלע האָט אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויפן עראָפּלאַן און אים געפירט צוריק קיין אַמעריקע.

— „זש־זש־זש־זש!"

דער עראָפּלאַן איז געפלויגן, געפלויגן, ביז ער איז געקומען קיין אַמעריקע. ער איז אַרײַן צו מאַ־טעלעס טאַטע־מאַמע אין שטוב, און איז געבליבן שטיין אויפן טיש אין קיך.

— „העלאָ, מאַמע!" — האָט מאַטעלע אַ גע־שריי געטאָן, און ער איז צוגעלאָפן צו דער מאַמען און האָט זיך מיט איר צעקושט.

— „העלאָ, מאַמע!" — האָט עטעלע אויך אַ געשריי געטאָן, און זי איז אויך צוגעלאָפן צו דער מאַ־מען און האָט זיך אויך מיט איר צעקושט.

דאָ איז אַ פריילעכער אַרײַנגעקומען דער טאַטע און האָט געבראַכט „חמשה־עשר"־פּרוכטן, וואָס וואַקסן אין ארץ־ישראל: באָקסער, פֿײַגן, טייטלען און מאַנדלען.

זײַנען שוין אַלע פריילעך בײַם טיש געזעסן, און די פרוכט פון ארץ־ישראל געגעסן. די קינדער האָבן דערציילט דעם טאַטן מיט דער מאַמען, ווי זיי זײַ־נען קיין ארץ־ישראל געפלויגן, ווי זיי האָבן דאָרט די קליינע ביימעלעך געפלאַנצט, און ווי די קינדער אויף די פעלדער האָבן געזונגען און געטאַנצט.

האָבן טאַטע־מאַמע געלאַכט און אָנגעקוואָלן פון גליק און זײַנען געווען צופרידן וואָס די קינדער זײַנען שוין דאָ צוריק...

שלח־מנות

אַז פּערעלע, אַ מיידעלע פֿון אַ יאָר אַכט, איז געקומען פֿאַר נאַכט אַהיים פֿון שול, האָט זי געטראָפֿן איר טאַטע־מאַמע זיצן אומעטיק און פֿאַרטראַכט.

— „וואָס איז, מאַמע, וואָס איז געשען? וואָס זײַט איר ביידע אַזוי טרויעריק?" — האָט פּערעלע געפֿרעגט.

— „גאָרניט, מײַן קינד", — האָט די מאַמע געענטפֿערט, און געפּרוווט שמייכלען, אָבער ס'איז גאָרניט אַרויסגעקומען פֿון שמייכל.

— „זאָג מיר דו, פּאַ, איך בין שוין אַ גרויסע מיידל, דו קענסט מיר אַלץ דערציילן", — איז פּערע־לע צוגעשטאַנען צו איר טאַטן.

האָט דער טאַטע דערציילט:

— „דו ווייסט דאָך, טאָכטער, אַז נאָך דער מלחמה זײַנען טויזנטער קינדער אין אייראָפּע געבליבן אָן טאַטע־מאַמע. האָבן מיר נאָך דער מלחמה גענו־מען אַ ייִדיש קינד פֿון פּוילן און מיר האָבן אים גע־שיקט געלט אויף עסן און טרינקען און קליידן זיך. דו ווייסט דאָס. איך רעד פֿון שלמהלען פֿון פּוילן. זײַן פֿאָטער און זײַנע שוועסטערלעך זײַנען דער־הרגעט געוואָרן, און ער און זײַן מוטער זײַנען געבליבן לעבן.

האָבן מיר די גאַנצע צײַט געשיקט זיי געלט און פּעקלעך שפּײַז. הײַנט האָבן מיר געקראָגן פֿון זיי אַ בריוו. זיי האָבן פֿאַרלאָזן פּוילן. זיי זײַנען איצטער אין פֿראַנקרײַך. זיי ווילן פֿאָרן קיין ארץ־ישראל בויען דאָרט זייער נײַע היים. בעטן זיי אַז מיר זאָלן

זיי העלפֿן. אַנדערע גוטע מענטשן האָבן זיי אויך געהאָלפֿן, אָבער זיי מוזן האָבן נאָך הונדערט דאָלאַר."

— „און דו, טאַטע, האָסט ניט קיין הונדערט דאָ־לאַר?" — האָט דאָס קינד פֿלוצלונג איבערגעריסן דאָס שווייַגן.

— „ניין, טאָכטער", — האָט דער טאַטע גע־ענטפֿערט, — „מיר קענען שיקן פֿינף, צען, פֿופֿצן — אָבער ניט הונדערט!"

מער האָט פֿערעלע ניט גערעדט. אויף מאָרגן ווען זי איז געקומען פֿון סקול, איז זי אַוועק צו איר בעסטער חבֿרטע, גיטעלע. פֿון דאָרט זייַנען ביידע געגאַנגען אין דער יִדישער שול. אויפֿן וועג האָט פֿערעלע דערציילט גיטעלען פֿון דעם בריוו פֿון איי־ראָפּע, און פֿון די צרות פֿון אירע טאַטע־מאַמע. אַ ווײַלע זייַנען ביידע קינדער געבליבן שטיל, ניט גערעדט. זיי האָבן געשפּאַנט פֿאַרטראַכט, אויף קיין זאַך אין גאַס זיך ניט אומגעקוקט, און געקוקט ווייַט פֿאָרויס, ווי זיי וואָלטן וועלן זען ערגעץ די מוטער מיטן יִנגעלע פֿון אייראָפּע.

— „פֿערעלע, איך האָב אַן עצה!" — האָט פֿלוצלונג אַ געשריי געטאָן גיטעלע.

— „וואָס? וואָס?" — האָט פֿערעלע אַזש אַ שפּרונג געטאָן פֿון פֿרייד.

— „דו ווייסט דאָך, פֿערעלע", — האָט גיטעלע גענומען רעדן גיך־גיך, — „אַז יִדן גיבן איצט אַ סך געלט פֿאַר ישׂראל. יִדן העלפֿן אויך די וואָס ווילן פֿאָרן קיין ישׂראל. מיר גייען דאָך איצט אין שול. דערצייל אַלץ דעם לערער. זאָל דער לערער דער־

ציילן די קינדער. אפשר וועלן אַלע טאַטעס און מאַמעס העלפן דעם ייִדישן ייִנגעלע און זײַן מוטער?"

— „שאַ, גיטעלע", — האָט פערעלע אויסגערופן מיט שׂמחה, — „מיר האָבן דאָך אין אַ פּאָר וואָכן אַרום פּורים. ייִדן שיקן זיך איינער דעם אַנדערן שלח־מנות. וועלן אַלע טאַטעס און מאַמעס פון אונדזער שול שיקן דעם ייִדישן ייִנגעלע און זײַן מוטער שלח־מנות. אָ, וואָלט דאָס געווען אַ שיינער שלח־מנות!"

אַז די קינדער זײַנען געקומען אין שול, האָט פערעלע אַלץ דערציילט דעם לערער און זי האָט אים געבעטן צו רעדן צו די קינדער וועגן דעם שלח־מנות אויף פּורים צו דער מוטער מיטן ייִנגעלע.

אויפן צווייטן טאָג האָבן די קינדער געבראַכט אין שול אַ סך קאָנווערטן. אין די קאָנווערטן איז געווען שלח־מנות — אַ סך איין־דאָלאַרדיקע, צוויי־דאָלאַרדיקע, און עטלעכע פינף־דאָלאַרדיקע. איין מוטער איז אַליין געקומען און האָט געבראַכט צען דאָלאַר שלח־מנות.

אויף מאָרגן האָט דער לערער געלייענט פאַר די קינדער אַ בריוועלע, וואָס פערעלעס פאָטער האָט אָנגעשריבן צו דער מוטער מיט איר זון אין איראָפּע:

ליבע פרוי און טײַערער שלמהלע:

עס איז באַלד פּורים בײַ ייִדן. שיקן מיר אײַך שלח־מנות. — הונדערט דאָלאַר. נעמט דעם שלח־מנות און פאָרט אין ייִדישן לאַנד ישׂראל.

דעם שלח־מנות שיק איך ניט אַליין. מיר האָבן אין אַמעריקע טײַערע ייִדישע קינדער,

וואָס לערנען זיך אין די ייִדישע שולן. דער לע־
רער און די קינדער פֿון דער שול, וואו פֿערעלע
לערנט, האָבן געהערט אַז איר ווילט פֿאָרן קיין
ישׂראל און בויען דאָרט אײַער נײַע היים. שיקן
זיי אײַך אויך שלח־מנות, און ווינטשן אײַך גליק
אין איינעם מיט אַלע ייִדן.

פֿאָרט געזונט און שרײַבט אונדז. דער לערער
און די קינדער פֿון שול שיקן שלמהלען זייערע
נעמען פֿאַר אַן אָנדענק.

מיט גרוס,

משה ליבערמאַן

און דער לערער און די קינדער האָבן בײַם סוף
פֿון בריוו אונטערגעשריבן זייערע נעמען. נאָך דעם
האָבן זיי געזונגען פֿריילעכע לידער. זיי האָבן זיך
געפֿרייט וואָס זיי האָבן געשיקט אַזאַ שיינעם שלח־
מנות.

פֿריידעלע מיט איר ליאַלקע



פֿריידעלע איז פֿינף יאָר אַלט. זי גייט נאָך ניט אין שול. זי לערנט נאָך ניט קיין ידיש. זי ווייס, אַז זי איז אַ ייִדיש קינד, זי מיינט, אַז אַלע מענטשן זײַנען ייִדן. זי מיינט, אַז איר ליאַלקע איז אויך אַ ייִד.

זי זאָגט צו איר ליאַלקע:

— „זײַ גוט, מײַן שיינע ליאַלקע, דו הערסט? זײַ אַ גוט ייִדיש מיי־דעלע!"

איין מאָל פֿאַר פּורים, איז פֿריידעלע געגאַנגען מיט איר ברודער אין שול. דער לערער האָט דערציילט די קינ־דער די שיינע מעשׂה פֿון פּורים, און פֿריידעלע האָט געהערט.

זי האָט געהערט די מעשׂה וועגן אַ קיניג, וועגן אַ שלעכטן מאַן, וואָס האָט געוואָלט טייטן די ייִדן, וועגן דער גוטער ייִדישער קיניגין אסתּר (עסטער), וועגן דעם גוטן ייִדן מרדכי (מאָרדעכײַ) — און זי איז געווען צופֿרידן.

אַז פֿריידעלע איז געקומען אַהיים, האָט זי גענו־מען זיך שפּילן מיט איר ליאַלקע און האָט געזאָגט:

— „הער, מײַן ליאַלקע, ביסט אַ ייִדיש מיידעלע איאָ? וועל איך דיר דערציילן אַ ייִדיש מעשׂהלע: אַמאָל איז געווען אַ קיניג. האָט ער גענומען אַ שלעכטן מענטשן און האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ גרויסן מאַן. דער מאַן האָט געהייסן המן.

איין מאָל האָט המן געזאָגט צום קיניג:

— „קיניג, קיניג, לאָמיר טייטן די ייִדן."

האָט דער נאַרישער קיניג געענטפערט:

— „גוט, לאָמיר!"

אָבער דער קיניג האָט געהאַט אַ גוטע פרוי, אסתּר, און די פרוי האָט געהאַט אַ גוטן פעטער, מרדכי. האָט מרדכי געזאָגט צו דער גוטער קיניגין:

— „הער, אסתּר, דו ביסט אויך אַ ייִד. גיי צום קיניג און בעט פאַר די ייִדן."

איז אסתּר געגאַנגען, און דער קיניג האָט געזאָגט:

— „זאָל מען בעסער טייטן דעם שלעכטן מאַן און אַלע ייִדן זאָלן לעבן."

„און אַזוי איז טאַקע געווען. אוי, ליבע ליאַלקע, האָבן זיך די ייִדן געפרייט! זיי האָבן זיך געפרייט און געזונגען. זיי האָבן געטאַנצט אין אַלע גאַסן. לאָמיר אויך טאַנצן, מײַן שיינע ליאַלקע, מיר זײַנען אויך ייִדישע קינדער."

און פריידעלע האָט גענומען איר ליאַלקע אויף די הענט און זי האָט מיט איר געטאַנצט.

איז אַרײַנגעקומען דער טאַטע, האָט זי מיט אים אויך גענומען טאַנצן.

איז אַרײַנגעקומען די מאַמע האָט זי מיט איר אויך גענומען טאַנצן און געפרייט זיך מיט דעם שיינעם יום־טובֿ פּורים און געזונגען אַ פריילעך פּורים־ליד:

הײַנט איז פּורים, קינדער,
עס איז דער יום־טובֿ גרויס.
לאָמיר זינגען לידער
און גיין פון הויז צו הויז.

פֿריידעלע גרייט זיך צום סדר

פֿריידעלע לערנט זיך אין אַ ייִדישער שול. זי האָט ליב די ייִדישע שול און זי האָט זייער ליב יום־טובים. אַז ס'גייט אַוועק דער יום־טובֿ סוכּות, טראַכט זי שוין פֿון חנוכּה. אַז ס'גייט אַוועק דער יום־טובֿ חנוכּה, טראַכט זי שוין פֿון פּורים. און אַז ס'גייט אַוועק דער יום־טובֿ פּורים, טראַכט זי שוין פֿון פּסח.

פּסח האָט זי ליב מער פֿון יעדן יום־טובֿ, און מער ווי אַלץ האָט זי ליב דעם סדר. זי האָט אַ זיידן און אַ באָבען אין אַן אַנדער שטאָט. מיט צוויי יאָר צוריק זײַנען זיידע־און־באָבע געקומען צו גאַסט, האָבן זיי געמאַכט אַ סדר בײַ פֿריידעלעס טאַטן אין שטוב. קען פֿריידעלע דעם סדר ניט פֿאַרגעסן. האָט זי פֿאַר פּסח געשריבן צום זיידן אַ בריוועלע. זי האָט צום זיידן אַזוי געשריבן:

„ליבער זיידע, ווי אַזוי פֿילסטו זיך? ווי אַזוי פֿילט זיך די באָבע? זיידע, אפֿשר קענסטו קומען צו אונדז אויף פּסח? איך האָב ליב דעם יום־טובֿ פּסח און דעם סדר. דו געדענקסט דעם שיינעם סדר פֿאַר־אַ־יאָרן? קום צו אונדז און פּראַווע נאָך אַ מאָל אַ סדר. איך קוש דיך און קוש דער באָבען.

דײַן איניקל, פֿריידעלע".

האָט דער זיידע איבערגעלייענט דאָס שיינע בריוועלע און האָט איר באַלד געענטפֿערט:

„מײַן ליב איניקל פֿריידעלע, זאָלסט זײַן געזונט. איך שרײַב צו דיר און איך שרײַב צו דײַן טאַטן. איך

קען דאָס יאָר צו אײַך ניט קומען, זאָל דער טאַטע אַליין פּראַוּוען אַ סדר. ווי אַזוי פילסטו זיך? ווי אַזוי לערנסטו זיך? ביסט אַ גוט יידיש מיידעלע?

נו, איך ווינטש דיר אַ פריילעכן פּסח. גריס דײַנע ליבע עלטערן.

דײַן זיידע אַבֿרהם."

און פריידעלעס טאַטע האָט געפּראַוּועט אַ סדר. אוי, איז דאָס געווען אַ שיינער סדר! די מאַמע האָט אַוועקגעשטעלט יום־טובֿ־ליכט אויפֿן טיש. און ווײַן, און מצות און נאָך זאַכן. פריידעלעס ברודערל האָט געפֿרעגט די פֿיר קשיות. דער טאַטע איז זיך געזעסן ברייט, ווי אַ מלך, און האָט געשײַנט און איז געווען פריילעך. ער האָט דערציילט פריידעלען און איר ברודערל די שיינע געשיכטע פֿון פּסח, ווי משה האָט באַפֿרײַט די יידן פֿון מצרים.

פריידעלע האָט שטילערהייט צוגענומען דאָס שטיקל מצה, וואָס פּאַפּאַ האָט באַהאַלטן אונטערן קישן. נאָך דעם האָט זי געעפֿנט די טיר פֿאַר אליהו הנביא. אליהו איז אַרײַנגעקומען אַ הויכער, אַ שײַנענדיקער, מיט אַ לאַנגער, ווײַסער באָרד. ער האָט געזאָגט: „גוט יום־טובֿ, ליבע יידן!", האָט אָפּגעטרונקען פֿון זײַן גלאָז אַ ביסעלע ווײַן און איז זיך שטילערהייט אַרויסגעגאַנגען.

דאָס צווייטע יאָר האָט פריידעלעס טאַטע, נאָך פּורים, שוין אַליין געזאָגט צו פריידעלען:

— „נו, פריידעלע, מעגסט זיך שוין נעמען גרייטן צום סדר."

און פריידעלע האָט מיט פֿרייד זיך גענומען גרייטן צום סדר.

(סוף)